בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

*יום ה' | נח | כ"ט תשרי | תשע"ב | פסחים: ק"ד:*

# באריכט:

נעכטן אווענט האט מרן רבינו שליט"א טעלעפאנישט מנחם אבל געווען הגה"צ רב ודומ"ץ דקלתינו הק' אין לעיקוואד שליט"א וועלכער איז געזיצן שבעה ל"ע נאך זיין מוטער הרבנית הצדקית ע"ה.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר ארי' לייבוש ברמ"מ טייטלבוים הי"ו פון וויליאמסבורג.

❧•❧

אויפדערנאכט נאך מעריב אין ביהמ"ד קהל תפילה לדוד באטשוטש – ווי דער רבי שליט"א האט געדאווענט דוירכאויס די וואך זייענדיג אין מאנסי' אויף אפרוה – האט דער רבי שליט"א אפגעשטאטט א באזוך ביים מרא דאתרא הרה"ג ר' מנחם ווארפמאן שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געוואורן א שיינער שמועס בדברי תורה און דער רבי שליט"א האט געגעבן ברכת קודש פאר'ן חשובע'ר רב שליט"א.

❧•❧

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.